# דער בלאַט

צייטשריפט פון אלוועלטליכן אָרטאָדאָקסישן אידנטום

DER BLATT

VOICE OF WORLDWIDE ORTHODOX JEWRY

פרייטאג פרשת נצבים-וילך
כ״ב אלול תש״פ


# אוצר

מוסר · חיזוק · הליכות והלכות · השקפה · סיפורי צדיקים · היסטאריע · הילולא דצדיקיא

2



# ״די הענט האָבן אים געציטערט ביים אנכאַפּן דעם שופר״

רגשי זכרונות פון הרה״ג רבי יעקב ווייס שליט״א מרבני סאַטמאַר-מאָנסי איבער מורו ורבו

## הגה״ק רבי משה ארי׳ פריינד זצ״ל גאב״ד ירושלים

לרגל יומא דהילולא כ׳ אלול - הייטיגן מיטוואָך פר׳ נצבים-וילך

7

# פּאַספּאָרט, געלט, און אַרויס פון קאָמוניסטן

באַקומען אַלע דריי, ביים ציון הקדוש פון הרה״ק בעל אך פרי תבואה מליסקא זי״ע



הרבני החסיד הנגיד ר׳ מאיר זעליג ריספלער הי״ו, ראש הקהל דסאַטמאַר, שילדערט דעם מופת וויאַזוי די קאָמוניסטישע זשאַנדאַרן האָבן פאַרפּאַסט זיין פּאָטער ז״ל אין די לעצטע מינוט

## פּארצעצונג


הגה״צ גאב״ד מעזיבוזש זצ״ל 10
מיט׳ן סאַטמאַרער רבי׳ן אין גריאָן 14
הישיש רבי משה יצחק לעווינגער ז״ל 16


## ווכנטליך


ערציילונג לכבוד שבת 18
די היסטאריע פון תקופת בית שני 19
קרית מלך רב 20
צוויי בלוטיגע דיאמאנטן 22
מודה אני 24
ביי מיר האט עס פאסירט 26
הילולא דצדיקיא 28
יארצייטן 30
אוצרות דוד לייב 32



# פאַספּאָרט, געלט, און אַרויס פון קאָמוניסטן

## באַקומען אַלע דריי, ביים ציון הקדוש פון הרה"ק בעל אך פרי תבואה מליסקא זי"ע

**הרבני החסיד הנגיד ר' מאיר זעליג ריספלער הי"ו, ראש הקהל דסאַטמאַר, שילדערט דעם מופת וויאַזוי די קאָמוניסטישע זשאָנדאַרן האָבן פאַרפאַסט זיין פאָטער ז"ל אין די לעצטע מינוט**

דורך: נ.ב.צ.

אין ליכט פון די גרויסע צוגרייטונגען וואָס ווערן יעצט געמאַכט גענצליך איבערצובויען דעם ציון הקדוש פון הרה"ק בעל אך פרי תבואה זי"ע וחתנו הרה"ק בעל טל חיים זצוק"ל אין די שטאָט ליסקא, איז אונז געלונגען צו כאַפן אַ פערזענליכן שמועס מיט הרבני הנגיד המפורסם רודף צדקה וחסד ובונה עולמות של תורה מו"ה מאיר זעליג ריספלער הי"ו, ראה"ק דסאַטמאַר, וועלכער איז געווען דער ערשטער פיאָניר צו רענאָווירן דעם בית החיים און דעם אוהל אין ליסקא נאָנט צו פערציג יאָר צוריק.

ר' מאיר זעליג נ"י, וועלכער איז אַ שטאַרק פאַרנומענער מענטש סיי אין פּריוואַטן לעבן מיט זיין פאַרצווייגטע ביזנעס בלעה"ר און אין זיין עפענטליכן דינסט אַלס ראש הקהל דסאַטמאַר אין וויליאַמסבורג, האָט באַוויליגט אַוועקצורייסן פון זיין טייערע צייט און נישט בלויז געשילדערט די צוויי מאָל וואָס ער האָט איבערגעבויט דעם בית החיים, נאָר אויך וואָס האָט אים צוגעברענגט דערצו – די מורא'דיגע ישועה וואָס זיין פאָטער הרה"ח המפורסם ר' יחיאל מיכל ריספלער ז"ל האָט געהאַט ביים ציון הקדוש פונעם הייליגן ליסקא רב בעל אך פרי תבואה זיעוועכי"א.

### דער שרייבער פון די שורות בעט ר' מאיר זעליג ער זאָל דערציילן אַביסעלע ביאָגראַפיע פון זיין פאָטער, און זיין נס ההצלה:

"מיין פאָטער הרה"ח ר' יחיאל מיכל ריספלער ז"ל איז געבוירן געוואָרן אינמיטן די ערשטע וועלט קריג, אין יאָר תרע"ג, אַלס דער יונגסטער פון דרייצן קינדער. זיין פאָטער הרה"ח ר' מרדכי ז"ל איז געווען אַ גאַליציאַנער, ער איז געקומען פון די באַקאַנטע שטאָט פשעמישל און איז געווען אַ בעלזער חסיד; ער איז נאָך געפאָרן צום מיטעלן בעלזער רב הרה"ק רבי יהושעלע זי"ע.

"ר' מרדכי האָט זיך שפּעטער געצויגן קיין פעטעוואַשע, אַ דערפל אין גאַליציע וואו ער איז אויפגענומען געוואָרן אַלץ שו"ב ומו"ץ. ער איז נפטר געוואָרן אין די תר"פ יאָרן. מיין פאָטער דער יונגסטער קינד איז אַלט געווען אינגאַנצן דרייצן יאָר. פעטעוואַשער איז געווען אַ קליין דערפל און אָן דעם זיידן אַלס ברויט-געבער האָט די באַבע די אלמנה



**הרבני הנגיד ר' מאיר זעליג ריספלער הי"ו, ראש הקהל דסאַטמאַר**

ע"ה נישט געהאַט פון וואו צו ציען פרנסה. זי האָט זיך דעמאָלט אַריינגעצויגן מיט די משפחה קיין אונגאַרן און באַזעצט אין מישקאָלץ וואָס איז געווען אַ גרויסע שטאט און עס איז געווען מער ווער עס זאָל זיך אומקוקן אויף אַן אלמנה מיט יתומים.

"דער טאַטע איז אויפגעצויגן געוואָרן אין מישקאָלץ. נאָך די צווייטע וועלט מלחמה איז ער צוריק אַהיים קיין מישקאָלץ וואו ער האָט חתונה געהאַט און אָנגעהויבן אויפשטעלן אַ אידישע שטוב. דאָרט איז געבוירן געוואָרן מיין עלטערע שוועסטער תחי'. דער אייזענער פורהאַנג פון קאָמוניזם האָט דאַן שוין געהאַט זיך אַנידערגעלאָזט אויף אונגאַרן און עס איז געוואָרן אויסטערליש שווער מיט פרנסה. בלית ברירה האָט דער טאַטע געהאַנדלט מיט די זעלבע "ביזנעס" פון וואָס אַסאַך ערליכע אידן האָבן געצויגן חיונה – אויפ'ן שוואַרצן מאַרק.

"דאָס לעבן איז אָנגעגאַנגען אין מישקאָלץ ביז איין טאָג האָט די קאָמוניסטישע רעגירונג אין אונגאַרן אַרויסגעגעבן אַן אַרעסט-באַפעל קעגן דעם טאַטן, זינט דאַן איז ער געוואָרן טמיר ונעלם. ער איז אַנטלאָפן צוערשט אין דעברעצין און דערנאָך קיין נירעדהאַז.

"דער טאַטע האָט אָנגעהויבן זוכן וועגן וויאַזוי צו אַנטלויפן פון אונגאַרן. אין יענע צייטן איז נאָכנישט געווען קיין קאָמפּיוטערס און אין בודאַפעסט, די הויפטשטאָט, האָט מען נישט געמוזט וויסן פון אַן אַרעסט-באַפעל אין מישקאָלץ. האָט דער טאַטע ריזיקירט און אַריינגעגעבן אַ פאַרלאַנג ביים אונגאַרישן אויסערן מיניסטעריום צו באַקומען אַ פאַספּאָרט.

"נאָכקוקענדיג זיין היסטאָריע האָט די אונגאַרישע

רעגירונג אים געענטפערט אַז זיי קענען אים נישט שענקען קיין פּאַספּאָרט וויל ער איז נישט קיין אונגאַרישער בירגער. זיי האָבן גע'טענה'ט אַז ער קומט פון פּשעמישל און פעטעוואַשער וואָס איידער די ערשטע וועלט קריג זענען די שטעט טאַקע געווען טייל פון גאַליציע, וואָס איז דאַן געווען טייל פון 'גרויס-אונגאַרן', אָבער אַצינד זענען די שטעטלעך טייל פון פּוילן, מילא איז ער אַ פּוילישער בירגער.

"דער טאַטע האָט זיך דאַן געוואָנדן צום פּוילישן קאָנסולאַט אין בודאַפּעסט, וואו ער האָט אַריינגעגעבן וויזע אַפּליקאַציעס פאַר זיך, די מאַמע ע"ה און להבחל"ח מיין שוועסטער. עס האָט אָבער אויסגעזען זייער אַ ווייטע מעגליכקייט, וויל פאַקטיש איז דער זיידע ר' מרדכי קיינמאָל נישט געווען קיין פּוילישער בירגער; ווי דערמאָנט אַז ביז די ערשטע וועלט קריג איז גאַליציע געווען אונטער "עסטרייך-אונגאַרן" און בכלל איז שוין דורך דרייסיג יאָר זינט די באָבע האָט זיך געצויגן קיין מישקאָלץ, אונגאַרן.

אינצווישן איז אָנגעקומען דאָס יאָר תשי"א, 1951 למספרם, וואָס ווער עס איז באַקאַנט, איז אין יענעם יאָר געווען דאָס קלימאַקס פונעם קאָמוניסטישן רשעות אין אונגאַרן. דער רעזשים איז געוואָרן זייער שטרענג, און דער מצב פאַר אידן זייער ענג. דער טאַטע האָט זייער געוואָלט אַרויספאָרן פון לאַנד, פון איין זייט העננגט אויף אים דאָס קאָמוניסטישע האַרטנעקיגקייט און פון די אַנדערע זייט העננגט אויף אים אַן אַרעסט-באַפעל. פּרנסה האָט ער נישט געקענט פאַרדינען, און אפילו עס וועט אים יאָ געלונגען צו באַקומען די פּאַספּאָרטן, קאָסט דאָס אַרויספאָרן אַסאַך געלט וואָס ער פאַרמאָגט נישט.

"בצר לו האָט דער טאַטע זיך אויפגעהויבן איין טאָג און אַרויסגעלאָזט אויף אַ נסיעה צו די קברי צדיקים אין אונגאַרן און איינגעריסן אויף אַ ישועה. דער טאַטע האָט איבעראַל מתפלל געווען אויף די צוויי זאַכן: 1) ער זאָל באַקומען פּאַפּירן צו קענען אַרויספאָרן, 2) ער זאָל האָבן דאָס געלט אַרויסצופאָרן.

"איין פרייטאָג איז דער טאַטע אָנגעקומען אין ליסקא צום ציון פון הייליגן רבי הערשעלע זי"ע בעל אך פרי תבואה און דאָרט האָט ער זיך זייער שטאַרק אויסגעוויינט. ביים אַרויסגיין פון דעם ציון האָט ער געשפּירט ווי ער איז אַ געהאָלפענער! ער האָט געפילט ווי אַ שטיין איז אים אַראָפּ פון האַרצן.

"דער טאַטע פלעגט דאָס מיר אַזוי אַראָפּלייגן: 'אַ מענטש שפּירט. איך ווייס נישט פאַרוואָס איך האָב אַזוי געשפּירט, אָבער אַזוי האָב איך געשפּירט. טראָץ וואָס איך בין געווען ביי אַנדערע קברי צדיקים אויך, האָב איך ביי רבי הערשעלע מליסקא געשפּירט ווי איך האָב באַקומען די ישועה. נאָכדעם בין איך שוין נישט געגאַנגען אין ערגעץ, איך האָב געוואוסט אַז איך בין געהאָלפן'.

"דער טאַטע האָט זיך שנעל אַרויסגעלאָזט אין וועג קיין נירעדהאַז, עס איז שוין געווען ערב שבת נאָכמיטאָג. ווען ער איז אָנגעקומען אַהיים האָט די מאַמע ע"ה שוין געהאַט געבענטשט שבת-לעכט. ווילאַנג דער טאַטע האָט זיך איבערגעטון שבת'דיג קלאַפּט מען אין די טיר – עס איז אָנגעקומען פּאָסט פונעם פּוילישן קאָנסולאַט אין בודאַפּעסט וואָס האָט אַנטהאַלטן דריי פּאַספּאָרטן, פאַר'ן טאַטן, די מאַמע און פונאַנדערגעשיידט מיין שוועסטער!



קהל
עטרת צבי
וכולל
בית יוזפא

מליסקא

ישיבה
שערי
הישר

בנשיאות הרה"ג ר' צבי הירש פריעדלאנדער שליט"א

הננו מתכבדים בזה להזמין ולקרוא את מע"כ וב"ב
בקריאה של חיבה לבא ולהשתתף וליקח חבל

במסיבת המלוה מלכה השנתית

שתתקיים אי"ה
מוצש"ק פרשת ויקהל (שקלים), כ"ז אדר א', תשמ"ט
למספרם מערץ 4 — בשעה 8:30

באולם קהל חסידים
4820 - 15th Avenue
ברוקלין, ניו יארק

אורח הכבוד:
ידידינו הדגול הרבני המפואר
מו"ה משה דוד דאווידזאהאן נ"י

נואם הכבוד:
הרב הגאון מוה"ר חיים מרדכי טווערסקי שליט"א
אב"ד ק"ק בית אהרן טשערנאביל

א באזונדער פרעזענטאציע וועט געמאכט ווערן צו
האברך הנגיד רודף צדקה וחסד
ר' מאיר זעליג ריספלער נ"י
וועלכער האט פינאנסירט דאס איבערבויען
פונעם אוהל און דעם גדר אין ליסקא

והננו מחכים לביאתכם לשלום, ולקבל פניכם בכבוד והוקרה
בכבוד ובברכת התורה
ההנהלה

מעלדונג פון ליסקער קהלה ביים דינער יאָר תשמ"ט איבער די באַעהרונג פון הרה"ח ר' מאיר זעליג ריספלער הי"ו פאַר'ן פינאַנצירן דאָס איבערבויען דעם ביה"ח און אהל הק' אין ליסקא



PRICE: 50 CENTS
CANADA 75 CENTS
OTHER U.S. CITIES $1.00

די צייטונג
NEWS REPORT
THE YIDDISH NEWSPAPER OF RECORD

FRIDAY, MARCH 3, '89
VOL. 2 NO. 24

הרה"ח ר' מאיר זעליג ריספלער נ"י וועט באקומען אויסצייכענונג פאר אויפבויען דעם אהל און גדר אין בית החיים אין ליסקא

באַריכט אין "די צייטונג" פר' ויקהל תשמ"ט



דער היבנובער רב שליט"א ביים איבערגעבן די באַעהרונג פאַר ר' מאיר זעליג הי"ו

"אַלע דריי קענען אַרויספאָרן פון לאַנד!

"צוויי טעג שפּעטער קומט אָן קיין נירעדהאַז אַ שליח פון פעסט פון הרה"ח העסקן הדגול ר' משה וואַסערמאַן ז"ל הי"ד. ער איז געווען אַ מחותן מיט'ן באַקאַנטן עסקן ושתדלן לטובת בתי חיים באייראָפּע, הרה"ח ר' צבי קעסטענבוים ז"ל דער גרונדער פון "אָו.-די.-עי.". ר' הערשל'ס עלטסטער זון, יבלחט"א הרה"ג רבי שמואל קעסטענבוים שליט"א פון קרית יואל איז אַן איידעם ביי דעם ר' משה וואַסערמאַן. ער איז געווען אַ געוואַלדיגער כלל-טוער אין פעסט אין יענע צייטן. ער האָט זיך מוסר נפש געווען פאַר אידן.

"שפּעטער האָט דער אונגאַרישער קאָמוניסטישער רעזשים אים געכאַפּט און אַרעסטירט. אין טורמע האָט מען אים נעבעך געפּייניגט צום טויט און ער איז אויסגעגאַנגען. ער ליגט באַהאַלטן אינעם נייעם בית החיים אין בודאַפּעסט. זיין טאָכטער איז געווען אַ יתומה ווען זי האָט חתונה געהאַט צו רבי שמואל קעסטענבוים שליט"א.

"על כל פנים, זיין שליח קומט אָן קיין נירעדהאַז און ברענגט פאַר מיין טאַטן אַ בריוו אין וועלכן ער שרייבט ווי פאָלגענד:

"'איך ווייס ר' מיכל אַז דו ביזט אויף צרות. דאָ אין פעסט איז איצט געשטאָרבן אַ איד. איידער זיין פּטירה האָט ער מיך געלאָזט רופן אַז ער לאָזט איבער געלט און ער בעט איך זאָל דאָס פאַרטיילן לאחר פטירתו פאַר נצרכים. היות איך ווייס אַז דו ביזט איצט אַ גרויסער נצרך, שיק איך דיר דאָס געלט'!

"דער טאַטע האָט שוער געגלייבט וואָס ער זעט פאַר די אויגן. איצט אַז ער האָט שוין געהאַט די פּאַספּאָרטן און געלט אויך, האָט ער נאָך יענעם טאָג זיך אַרויפגעזעצט אויף די באַן מיט די מאַמע און שוועסטער און אַריבערגעפאָרן קיין וויען, עסטרייך – באַפרייט פון די קאָמוניסטישע אונגאַרן.

"אין נירעדהאַז האָט געוואוינט אַ איד הרה"ח ר' יחזקאל ליסויער ז"ל. ער איז ערשט אַרויסגעקומען פון אונגאַרן שפּעטער ביי די 56' רעוואָלוציע. ווען ער האָט זיך געטראָפן מיט'ן טאַטן האָט ער אים דערציילט, אַז יענע נאַכט – דער טאַטע איז אַוועקגעפאָרן אינמיטן טאָג – זענען אָנגעקומען אונגאַרישע זשאַנדאַרן צו זיין הויז וויל זיי האָבן זיך דערוואוסט פון זיין באַהעלטעניש און זענען געקומען אים אַרעסטירן!

"אָבער בחסדי ה', דער טאַטע איז שוין דעמאָלט געווען אַריבער די גרעניץ אין וויען...

"מיין טאַטע ז"ל פלעגט אַסאַך דערציילן די מעשה און יעדעס מאָל אָפּגעבן אַ שבח והודאה להשי"ת און אַרויסברענגען דעם גרויסן כח פון צדיקים: 'גיב אַ קוק, פרייטאָג בין איך געווען אין ליסקא ביים אך פרי תבואה און מאָנטאָג דערויף האָב איך שוין אַלעס געהאַט: פּאַספּאָרטן, געלט און שוין געווען אַרויס פון אונגאַרן און ממש צו די ריכטיגע מינוט. ווען איך בלייב ווען אין נירעדהאַז נאָך איין נאַכט וואָלט איך אַרעסטירט געוואָרן. די זשאַנדאַרן האָבן מיך פאַרפאַסט מיט עטליכע שעה!'

"דער טאַטע איז זינט דעמאָלט געבליבן זייער דבוק אין רבי הערשעלע מליסקא זי"ע; ער פלעגט יעדן שבת לערנען זיין ספה"ק 'אך פרי תבואה'."

## אייער טאַטע איז גלייך דעמאָלט אַרויסגעקומען קיין אַמעריקע?

"ניין. אַמעריקע האָט דעמאָלט געהאַט פאַרשלאָסן אירע טויערן און קיינעם נישט אַריינגעלאָזט. דער טאַטע איז געבליבן וואוינען אין וויען פינף יאָר.

"ווען עס האָט אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע אין אונגאַרן, אין 956' (תשי"ז), האָט אַמעריקע צוריק געעפנט אירע טויערן אַריינצולאָזן די אַנטלאָפענע פון קאָמוניזם. דעמאָלט איז דער טאַטע אָנגעקומען מיט אַלע פליטים קיין אַמעריקע. ער איז שוין געווען פינף יאָר פריער באַפרייט, אָבער קיין אַמעריקע איז ער אָנגעקומען צוזאַמען מיט זיינע לאַנדסלייט.

"די 'הייאַס', (אַמעריקאַנער אידישער פליטים אַגענטור), האָט ערלעדיגט פאַפירן און אַנדערע געברויכן פאַר די אידישע פליטים. פאַר'ן טאַטן האָבן זיי געשיקט פאַפירן און אים געזאָגט אַז ער קען זיך באַזעצן אין סעאַטעל, וואַשינגטאָן וואו מען וועט אים באַצאָלן אַלע קאָסטן ווי אויך צושטעלן אַ דירה, און אפילו פאַרשפראָכן אַ פרנסה אא"וו.

"דער פליגער האָט אָבער געלאַנדעט אין ניו יאָרק און דער טאַטע איז דאָך געווען אַן ערליכער איד, איז ער קודם אַריין צום סאַטמאַרער רבי'ן זי"ע שואל עצה זיין צי ער זאָל טאַקע גיין אַהין באַזעצן. ער איז אַריין צום רבי'ן און דערציילט אַז ער קומט איצט פון וויען און הייאַס שיקט אים אויף סעאַטעל. זאָגט אים דער רבי, 'ניין, אין סעאַטעל קען מען נישט אויפציען ערליכע קינדער. בלייב דאָ אין וויליאַמסבורג, וועסטו האָבן ערליכע, וואוילע קינדער'.

"דער טאַטע האָט טאַקע מיט מסירת נפש אויפגעגעבן אויף אַלעם וואָס הייאַס האָט אים פאַרשפראָכן – און זיי האָבן געוואָלט אויסצאָלן אַלע הוצאות – און געבליבן וואוינען אין וויליאַמסבורג וואו ער האָט זיך געדאַרפט אַלעס אַליין פאַרשאַפן."

## דער טאַטע האָט געקענט דעם סאַטמאַרער רבי'ן נאָך פונדערהיים?

"ניין. אָבער אַז ער איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע און מען האָט אים געוואָלט פאַרשיקן אין אַנדערן עק לאַנד, האָט ער געשפירט אַז ער מוז קודם גיין פרעגן אַ צדיק.

"אַביסל האָט דער טאַטע שוין געהערט פון רבי'ן פריער, ווייל ער איז זייער נאָנט געווען מיט הרה"ק רבי יחזקאל'ע מערץ זצ"ל, נאָך אין אונגאַרן און אויך שפעטער ווען רבי יחזקאל'ע איז אָנגעקומען קיין וויען ביי די רעוואָלוציע. זיי זענען געווען אַזוי נאָנט אַז ווען רבי יחזקאלע'ס רביצין איז איינמאָל נישט געזונט געווען און מען האָט געדאַרפט צעטיילן זיינע קינדער האָט רבי יחזקאלע געשיקט איינע פון זיינע קינדער צו מיין מאַמע. (דאָס איז געווען הרבנית הצדיקת פרומט ע"ה, אשת להבחל"ח כ"ק אדמו"ר מקרעטשניף-סיגוט שליט"א בזוו"ר). דורך רבי יחזקאל'ע האָט דער טאַטע שוין געהערט פון רבי'ן אינדערהיים".

## און אין וויליאַמסבורג, האָט דער טאַטע זיך מדבק געווען אין סאַטמאַרער רבי'ן?

"יאָ, ער איז געוואָרן אַ שטאַרקער חסיד. ער האָט געשיקט אונז קינדער לערנען אין סאַטמאַר. אַלס בחור האָב איך געלערנט אין נייטרא."

## ווער האָט אייך אַנגאַזשירט צו טון פאַר'ן בית החיים אין ליסקא?



דער היבנוב'ער רב קוקט זיך אום אויף די חרוב'ע און נאָכגעלאָזטע בית החיים אין ליסקא אין די תש"מ יאָרן, צוזאַמען מיט א באַאַמטן פון דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדע אין בודאַפעסט



הרה"ח ר' צבי קעסטענבוים ז"ל ביים מתפלל זיין אויפן ציון הק' אין ליסקא, אינאיינעם מיט הגה"צ אבד"ק היבנוב שליט"א, קנאַפע 35 יאָר צוריק, ווען דער בית החיים און דער אוהל הק' איז נאָך געווען אין א זייער נאָכגעלאָזטן צושטאַנד



ליסקער בית החיים און אהל הקדוש פון הרה"ק בעל אך פרי תבואה מליסקא זי"ע, וואָס הרבני הנגיד ר' מאיר זעליג ריספלער הי"ו האָט זוכה געווען איבערצובויען אין יאָר תשמ"ד-מ"ה

"דאָס איז געווען אַ השגחה פרטית פאַר זיך" דרוקט זיך אויס ר' מאיר זעליג און דערציילט ווי פאָלגענד:

איך האָב געהאַט מיין אַקאַונטינג פירמע אין די זעלבע געביידע וואו הרה"ח ר' הערשל קעסטענבוים ז"ל האָט געהאַט זיין אָפיס. (עס איז נישט געווען דאָרט וואו אָו.-די.-עי. האָט געהאַט דעם מעדיקל קליניק; דאָס איז דעמאָלט געווען אויף ראָטלידזש סטריט. מיר זענען געווען אין אַ געביידע וואָס האָט געהערט פאַר ר' זלמן קליין און ר' אהרן גוטמאַן). מיין אָפיס איז געווען אויפ'ן דריטן פלאָר און ר' הערשל האָט געהאַט געדונגען די צוויי העכערע שטאָקן פאַר אָו.-די.-עי. איך בין געווען מיט אים אַ גוטער פריינט און אָפט ביי מיטאָג פלעג איך אַרויפגיין צו זיין אָפיס שמועסן.

זייענדיג איינמאָל אין זיין אָפיס דערציילט ער מיר, מסיח לפי תומו, אז ער האט פונקט נארוואס גערעדט טעלעפאָניש מיט דער היבנובער רב אַז דער בית החיים אין ליסקא איז זייער נאָכגעלאָזט. דער אוהל פונעם אך פרי תבואה איז אינגאַנצן פאַר'חורבה'ט, דער צוים אַרום דעם בית עלמין איז צעבראָכן; עס דרייען זיך דאָרט די ציגאַנער און עס האַלט אַזוי ווייט אַז די אַרומיגע שכנים קומען אַריין מיט זייערע קיען און פאַשען אויפ'ן בית החיים.

ר' הערשל, וועלכער האָט צענדליגער יאָרן גע'שתדל'ט פאַר אידישע בתי חיים אין אייראָפע און איבער דער וועלט איז אין יענע תקופה אויפגעקומען מיט דעם געדאַנק פון גרינדן אַ ספעציעלע קאָמיסיע אינערהאַלב דער אַמעריקאַנער רעגירונג צו שיצן אויף אידישע בתי חיים, ווייל אַזאַ אָפיציעלע אַמעריקאַנער קערפערשאַפט וועט טראָגן פיל מער געוויכט ביים פאַרהאַנדלען מיט די אייראָפעאישע רעגירונגען. נאָך פיל שתדלנות ביי קאָנגרעסלייט און סענאַטאָרן איז ר' הערשל אין יענע תקופה געווען אינסטרומענטאַל אין אויפשטעלן די באַקאַנטע "יונייטעד סטעיט קאָמישאָן פאָר די פרעזערוועישאן אָף אַמעריקען העריטעדזש אַבראָוד" (אַמעריקאַנער קאָמיסיע צו פרעזערווירן אידישע בתי חיים אין אייראָפע).

אויפ'ן באָורד פון די נייע קאָמיסיע איז אויך אויפגענומען געוואָרן הגה"צ רבי אברהם יהושע העשיל פריעדלענדער שליט"א אבד"ק היבנוב בן כ"ק אדמו"ר מהר"י מליסקא זצ"ל. אַזוי איז אָנגעקומען צו ר' הערשל דער מצב פונעם ליסקא בית החיים און ער גיט מיך אַזאַ פרעג, אַזוי כמעט אומווילנדיג: "מען דאַרף שאַפן געלט איבערצובויען דעם בית החיים, אפשר ווילסטו אַביסל צושטייער געבן?"

הערענדיג אַז די רעדע איז פון ליסקא געב איך אים אַ זאָג: "איר ווייסט וואָס ר' הערשל? ליסקא – איך וועל אויסצאָלן די גאַנצע זאַך!"

ער איז געוואָרן שאָקירט! ער האָט גלייך אָנגערופן דעם היבנובער רב שליט"א און דערציילט מיט אַן אומגלויבליכע מינע: "איך האָב געטראָפן אַ נדבן וואָס איז גרייט צו צאָלן דאָס גאַנצע!"

דעמאָלט האָב איך געפרעגט ר' הערשל צי מען קען אויך עפעס טון וועגן דעם בית החיים אין פעטעוואַשער, וואו מיין זיידע ר' מרדכי ריספלער ז"ל ליגט. ער האָט אַפירגענומען אַ מאַפע און נאָכגעקוקט וואו דאָס איז, און ער האָט באַלד זיך פאַרבונדן דורך זיינע קאָנטאַקטן און געהערט אַז דער בית החיים אין שטעטל עקזיסטירט נאָך און איז פול מיט אידישע מצבות.

מיר האָבן טאַקע דאַן געהאַט די זכי' איבערצובויען ביידע בתי חיים. אין ליסקא האָט דער היבנובער רב שליט"א אָנגעפירט די אַרבעט צו רענאָווירן און מתקן דעם גאַנצן בית החיים. מען האָט אין אָרדענונג געברענגט דעם אוהל ווי עס פאַסט פאַר אַזאַ מקום קדוש, ווי אויך פאַרראָכטן דעם גדר אַרום דעם בית החיים און צוגעבויט וואו עס האָט אויסגעפעלט. מען האָט אויפגעהויבן מצבות און אויפגערייניגט די

*פאַרזעצונג אויף זייט 25*

האלטן מענטשן אונטער אוממענטשליכע באדינגען, אבער זיי האבן נישט געוואלט ארויסלאזן מענטשן וואס האבן געהאט אלע רעכטן לויט די קאנגרעס רעזאלוציע.

## קיין ברעקל שכל

**קווראנטין** – איינס פון די רעגולאציעס פון די ווירוס איז געווען אז יעדער איינער וואס גייט נאר ארויס פון די ווענט פון די טורמע דארף זיך "קווראנטינען" ד"ה זיך אפזונדערן אין א פארמאכטע אפטיילונג (זייער ענדליך צום לאך) פאר 14 צו 21 טעג, און דאס איז כולל די אלע וואס עס איז געקומען זייער ריכטיגע צייט באפרייט צו ווערן, אדער מען דארף זיי טרענספערירן צו אן אנדערע טורמע צוליב סיי וואס פארא סיבה, און אפילו אויב מען האט געדארפט אנקומען אין שפיטאל צוליב סיי וואס פארא געזונטהייט אישו, האט מען זיך קודם געדארפט איינשפאַרן.

דער תירוץ פאר דער רעגולאציע איז געווען אז עס קען זיין אז דער ארעסטאנט איז געווארן אנגעשטעקט מיטן ווירוס, ממילא אויב מען קומט אויף א נייע פלאץ זאל מען נישט פארשפרייטן דעם ווירוס.

אבער באמת האט די זאך בכלל נישט קיין פשט, ווייל די ארעסטאנטן האבן דאך בכלל נישט געהאט קיין שייכות מיט די וועלט, ווייל זיי זענען דאך איינגעשפארט, און אזוי אויך האבן זיי דאך נישט קיין באזוכער, און די איינציגע וועג וואס זיי וואלטן ווען געקענט כאפן דעם ווירוס איז בלויז דורך די וועכטער וואס זיי קומען פון אינדרויסן, וואלט מען דאך געדארפט מאכן א רעגולאציע אז די וועכטער וואס ארבעטן אין טורמע זאלן נישט מעגן קומען אין קאנטאקט מיט קיינעם נאר זיין קווראנטירט אינדערהיים, און אויב נישט זאלן זיי נישט מעגן ארבעטן אין טורמע.

אבער באמת זענען די וועכטער בכלל נישט געווען אין דעם כלל, נאר זיי זענען יעדן טאג געגאנגען אין געקומען כמקדם, נו וויאזוי איז שייך צו מאכן אזא נער'ישע זאך אז יעדער וואס גייט ארויס פון די טורמע ווענט זאל זיך מוזן איינשפארן, ווען אויב די ווירוס דרייט זיך ארום אין טורמע קענען זיי דאס ארומטראגן...

נאך מער ווען מען דארף איינעם אריבערטראגן צו א צווייטע טורמע, אדער גיין צו א שפיטאל, ווערט מען געקייטלט און באגלייט דורך די וועכטער וואס זיי כאפן אן דעם ארעסטאנט און זיי אליינס קומען דאך פון די גאס, קומט אויס אז דער גאנצער ווערן איינגעשפארט ווערט דאך בטל ומבוטל, ווייל דער ארעסטאנט איז דאך נאכמאל אויסגעשטעלט צו מענטשן, און לפי השמועה זענען אסאך וועכטער שוין געווען אנגעשטעקט.

ממילא איז דער גאנצער עינוי הנפש פון זיין קווארענטינט פשוט לעכערליך...

**אנגעשטעקטע אין טורמע** - במשך פון די חדשים האט זיך איינמאל געמאכט אז מען האט איינגעשפארט אלע "קאך ארבייטער" פון טורמע פאר 28 טעג, צוליב וואס איין וועכטער וואס האט געארבעט אין קאך איז געווארן אנגעשטעקט, אבער למעשה זענען אלע וועכטער וואס האבן געארבעט אינעם איינגעשפארטן אפטיילונג נישט געווארן אפגעזינדערט פון אלע אנדערע וועכטער, נאר האבן זיך געדרייט צוזאמען מיט זיי, ממילא האט געקענט זיין אז די וועכטער וואס זענען געקומען אין קאנטאקט מיט די איינגעשפארטע האבן געקענט אריבערטראגן דעם ווירוס אין דער גאנצער טורמע, אבער זיי האבן דאס בכלל נישט גענומען אין באטראכט, ווייל זייער גאנצער ציל איז נאר געווען מעניש צו זיין די ארעסטאנטן און נישט זיי אפהיטן פון דעם ווירוס.

**מאסקעס** – איינס פון די רעגולאציעס איז געווען אז אלע ארעסטאנטן מיזן טראגן מאסקעס, און דאס האט מען געברויכט טראגן ווען מען איז נאר ארויס פון צעל, אדער ווען א וועכטער האט געפנט דעם צעל. אבער מצד השני זענען די וועכטער זעלבסט געגאנגען מיט די מאסקעס בלויז אויף יוצא צו זיין, מען האט זיי אפט געקענט זעהן ווי זיי פארברענגען צוזאמען און גרעסערע גרופעס אן קיין שום מאסקעס, און דאס האט מען אסאך מאל געזען בשעת זיי זענען געקומען ציילן ביי די קאונטס און בשעת מען האט אונז ארויסגעלאזט נעמען אונזער עסן, אז זיי זענען בכלל נישט נזהר געווען "בהלכות מאסקעס", אבער אויב האבן זיי געזעהן א ארעסטאנט וואס האט געטראגן דעם מאסק – נישט געהעריג האט זיך דאס געקענט ענדיגן מיט שווערע עונשים פאר'ן לייגן אין סכנה אלע ארעסטאנטן מיט פארשפרייטן דעם ווירוס!

בכלל איז זייער גרינגשעצונג אין די מאסקעס, און זייער שטרענג זיין מיט אונז צו גיין מיט מאסקעס אזוי איבערגעטריבן געווען, ווייל צומאל האט מען אונז ערלויבט צו מאכן בילדער פון אונז און שיקן פאר די בענקעדיגע משפחה וואס קען נישט קומען באזוכן, און דער בילדער מאכער איז געשטאנען איבער 10 פוס אפגעריקט, דאך האבן זיי נישט געלאזט אויסטוען די מאסקעס בשעת'ן מאכן די בילדער, ווייל זיי ווילן נישט אריינשטעלן דעם בילדער מאכער אין א סכנה... און איר קענט פארשטיין וואס פאר א טעם עס האט אזא סארט בילד פאר די משפחה ווען דער גאנצער פנים איז באדעקט מיטן מאסק...

**פיזישע קאנטאקט** – זייער אסאך מאל איז אויסגעקומען אז די וועכטער האבן געמאכט "פיזישע קאנטאקטן" מיט די ארעסטאנטן, ווי למשל בשעת ווען מען איז געגאנגען נעמען די עסן, איז ווען מען גייט צוריק אריין אינעם דארמעטארי אפטיילונג ווערט מען שטרענג אינטערזיכט, ווען זיי באטאפן יעדן איינעם פון קאפ ביז פוס – וואס לויט די רעגולאציעס דארפן זיי טראגן הענטשעך, און זיי דארפן דאס טוישן צווישן איינעם צום צווייטן אבער נישט יעדער האט אנגעהאט הענטשעך, און זייער זעלטן וואס זיי טוישן די הענטשעך, ובנוסף וואס זיי האבן רוב מאל נישט אנגעהאט דעם מאסק אויפן פנים ווי געהעריג.

און מען רעדט דא פון וועכטער וואס קומען יעדן טאג פון די גאס, וואס זיי זענען די "איינציגסטע" וואס קענען פארשפרייטן דעם ווירוס צווישן די ארעסטאנטן... איז נאך א שאלה צו זיי האבן געזוכט אונזער טובה אדער סעפטי'...?

נאר וואס דען?, מען דארף צו וויסן אז די אלע רעגולאציעס זענען בלויז געווען א ליצנות, ווייל זיי אליינס האבן זיך נישט געהאלטן דערצו, נאר די אלע סעפטי' רעגלאציעס זענען אויסגעניצט געווארן דורך זיי אלץ א תירוץ אונז צו קענען פייניגן!

## פאַספאַרט, געלט, און אַרויס פון קאָמוניסטן

פאַרזעצונג פון זייט 9

שמוץ און אויסגעריסן די גראָזן, געבויט אַ ספעציעלן אַריינגאַנג אַז קאַרס וואָס קומען אָן צום ציון זאָלן קענען אַריינפאָרן אינעווייניג אינעם צוים און נישט ווערן באַפאַלן דורך די ציגאַנער וועלכע שנאָרן געלט אא"וו, אויך האָט מען געשטעלט אַ שומר אויף אַ גאַנץ יאָר, אין איין וואָרט: אַהערגעשטעלט דעם בית החיים לויט די בעסטע אומשטענדן פון יענע יאָרן.

אין צוגאָב איז דער בית החיים דעמאָלט דעזיגנירט געוואָרן דורך די אונגאַרישע רעגירונג אַלס אַ "לענדמאַרק" וואָס מיינט אַז די לאָקאַלע רעגירונג קען דאָס נישט צורירן. (אין פעטעשוואַר, ווידערום, איז דער בית החיים איבערגעבויט געוואָרן דורך די היינטיגע וואויל-באַרימטע "אבותינו" אָרגאַניזאַציע וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין יענע יאָרן).

דאָס אַלעס איז געווען אין יאָר תשמ"ד-מ"ה. עס איז דורך אַ שטיק צייט און איך האָב ווידערמאָל זוכה געווען איבערצובויען דעם ליסקא בית החיים.

אין וויליאַמסבורג איז דאָ אַן עסקן הרה"ח ר' שמעון פריעדמאַן הי"ו (בן הרה"ח ר' יעקב ז"ל בן הרה"ח המפורסם ר' שלמה אהרן ז"ל בעל "מראה אש") וועלכער איז אויך אַ גרויסער עסקן פאַר בתי חיים אין אייראָפע. ער רופט מיך אָן איין טאָג אַז ער איז געווען אין אונגאַרן און דער ליסקא בית החיים פאָדערט אַן אויפפרישונג.

"וויאַזוי קען דאָס זיין", פרעג איך אים, "מען האָט דאָס דאָך ממש יעצט פאַרראָכטן?"

ווי עס זעט אויס האָט דער גוי נישט געהעריג פאַרראָכטן אַלעס און עס פאָדערט פרישע רענאָוואַציעס. אויסער דעם, זאָגט ער מיר, האָבן די ציגאַנער ווידער געטראָפן אַ פירצה קוראה לגנב וויאַזוי אַריינצוקומען אינעם בית החיים (אין יענע יאָרן האָבן זיך נאָך געדרייט ציגאַנער אין אַלע אונגאַרישע שטעט).

דעמאָלט האָב איך נאָכאַמאָל באַצאָלט צענדליגער טויזנטער דאָלאַרן מען זאָל פריש מתקן זיין דעם בית החיים. מען האָט באַפעסטיגט דעם גדר און אַמוויכטיגסטנס – אַריינגעצויגן עלקטעריק אַז מענטשן וואָס קומען אָן ביינאַכט זאָלן זען וואו צו שטעלן די טריט און קענען דאַווענען ביים ציון. איך האָב נישט געשנאָרט פון קיינעם; איך האָב אַלעס געצאָלט פון מיין טאַש. שפעטער האָב איך דערציילט פאַר מיין טאַטן אַז דאָס גאַנצע געלט האָב איך געצאָלט לכבודו, איז ער געוואָרן אויסטערליש פרייליך און ער האָט מיר געזאָגט:

"וואָס איז מיט דיר? ווען נישט דער הייליגער רבי הערשעלע מליסקא זענען מיר היינט נישט דאָ".

מיין טאַטע ז"ל איז נפטר געוואָרן כ"ד תמוז תשנ"ח. לשמו ולזכרו האָט מען אויפגעשטעלט דעם באַקאַנטן בית המדרש הגדול "זכרון יחיאל מיכל" אין סאַטמאַרער איחוד קאָנטרי ווי אויך נאָך בתי מדרשים. יהא זכרו ברוך. וזכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.